# דער ערשטער בריוו פֿון דעם שליח פּוילוס צו טימאָטעוסן

## 1

1 פּוילוס, אַ שליח פֿונם משיח ישוע לויט דעם
געבאָט פֿון ג־ט אונזער רעטער, און דעם משיח
2 ישוע אונזער האָפֿנונג, צו טימאָטעוסן, מיין וואָר־
האַפֿטיקן זון אין דער אמונה: חסד, רחמים, און
שלום פֿון ג־ט דעם פֿאָטער און פֿון דעם משיח
ישוע דעם האַר אונזערן.
3 ווי איך האָב דיך געבעטן צו פֿאַרבלייבן אין
עפֿעזוס, ווען איך בין געגאַנגען קיין מאַצעדאָניען,
כּדי דו זאָלסט באַפֿעלן אייניקע (לייט), נישט צו
4 לערנען אַנדערע לערנונגען, און זיך נישט צו
פֿאַרנעמען מיט לעגענדעס און יחוס־בריוו אָן אַ סוף,
וועלכע פֿירן צו וויכוחים מער ווי צו דערבויאונג
5 פֿון ג־ט אין דער אמונה; (אַזוי זאָלסטו טון). דער
תּכלית אָבער פֿון דער מצווה איז ליבע אויס אַ
לויטער האַרץ און גוט געוויסן און אויפֿריכטיקער
6 אמונה; פֿון וועלכע אייניקע האָבן אָפּגענייגט, און
7 זיך געקערט צו פּוסטע רייד, ווילנדיק זיין תּורה־
מלמדים, הגם זיי פֿאַרשטייען גאָרנישט, נישט וואָס
8 זיי זאָגן, נישט וואָס זיי באַהויפּטן. מיר אָבער ווייסן,
אַז די תּורה איז גוט, ווען עמיצער באַנוצט זי
9 לויט דער תּורה, וויסנדיק דאָס דאָזיקע, אַז די
תּורה איז נישט געזעצט געוואָרן פֿאַר דעם צדיק,
נאָר פֿאַר די רשעים און ווידערשפּעניקע, פֿאַר די
ג־טלאָזע און חוטאים, פֿאַר די טמאים און אומווירד־
דיקע, פֿאַר די, וואָס שלאָגן פֿאָטער און מוטער,
10 רוצחים, פֿאַר זונים, שוכבֿי זכר, מענטשנכאַפּער,